בעזהי"ת

וועד הכשרות

דהתאחדות הקהילות

בהשתתפות הרבנים והקהילות
ולומדי תורה דניו יארק

# ביילאגע צו מדריך נומ. נײנצען

ב"ה. חודש תמוז־מנ"א ה׳תשל"ז ← שנה ד׳ קונטרס כ׳ (כרך ד׳)

**אויסשליסליך נישט אונטער דעם פיקוח**
**פון הרה"ג מדעברעצין שליט"א**
שהרה"ג מדעברעצין שליט"א כתב במדריך
מספר י"ד שאין לו אחריות אישית על מאמרי השחיטה . . .
**יוצא לאור ע"י**

# וועד הכשרות

## ארגון מוקדש לתיקון מצב הכשרות

**באמצעים של בירור, חקירה ודרישה,**
**התיעצות, הודעה, והצעה**

„אונזערע פעסטשטעלונגען און באריכטען
זענען גילטיג נאר פאר די שטענדיגע ליינערס".

20

בס"ד

# וועד הכשרות

**ארגון מוקדש לתיקון מצב הכשרות**

**דהתאחדות הקהילות**

**בהשתתפות הרבנים והקהילות**
**ולומדי תורה דניו יארק**

בפיקוח מוה"ר משה שטערן שליט"א
גאב"ד דקהל יסודי התורה
(מלפנים אב"ד דעברעצין)

אַבאָנענטען בלאַנק און פּרייזען
**וועד הכשרות דהתאחדות הקהלות**

בייגעלייגט איז די סומע פון ...... $
☐ 1 יאָר ☐ 2 יאָר ☐ 3 יאָר ☐ 1 יאָר לופט פּאָסט

אַבאָנענטען פרייזען (מוז איינגעצאָלט ווערען אין פאָראויס):

**אין אַמעריקע**

| | |
|---|---|
| 1 יאָר | $ 6.00 |
| לופט פאסט 1 יאָר | $ 10.00 |
| 2 יאָר | $ 11.00 |
| 3 יאָר | $ 16.00 |

**אין קאַנאַדע, אייראָפּע, א.ד.ג.**

| | |
|---|---|
| 1 יאָר | $ 8.00 |
| לופט פּאָסט 1 יאָר | $ 12.00 |
| 2 יאָר | $ 15.00 |
| 3 יאָר | $ 22.00 |

נאָמען ..................................................................

אַדרעס ..................................................................

שטאַט ............ לאַנד ............ זיפּ נומער (פּאָסט געגענט).......

צייכענט אָן אויב דאָס איז א באנייאונג
אָדער א נייע סובסקריפּשאָן.

☐ אלטער מעמבער
☐ נייער מעמבער

פאַר מער אינפאָרמאַציע שרייבט אָדער טעלעפאָנירט צו:

**VAAD HAKASHRUS — 4810 16 Ave. - Tel. 435-2503**
**A Public Service Organization Dedicated to Strenghtening of Kashrus Through Research and Developement**

דפוס אופסט "מוריה"
MORIAH OFFSET CO.
160 JOHN STREET
Brooklyn, N. Y. 11201
(212) 852-4141

# ביילאגע צו מדריך נומ. ניינצען

אויסשליסליך נישט אונטער דעם פיקוח
פון הרה"ג מדעברעצין שליט"א.

מיר האבן ערהאלטן פיל בריוועו וועגן די שחיטה באריכטן. ווי פארשטענדליך זענען טייל בריוועו דברי חיזוק, א טייל קריטיק, א טייל פראגען, א טייל הערות און א טייל אויך וידעל־רייד.

מיר ברייגגען נאר אראפ א טייל מוסטערן און נאר אויסצוגן דערפון וועלכע זענען נויטיגע הערות אדער נוצליכע פראגעס וועלעכע ברענגען א קלארקייט אין אונזער ארבעט.

א) ...למה לא הזכרתם בכלל שאלת ריסוק אברים אצל העופות. כמעט בכל בתי המשחטות הגדולים זורקים את קופסאות העופות מהמשאית ארצה... כן הוא גם במקצת המשחטות החרדים ביותר... שמעתי שאצל שחיטות וויינלאנר מסודר באופן שלא יהי' אפשרות לזרוק את קופסאות העופות, ושאלה זו לא שייך אצלם...

**אברהם נתן ווייס (ברוקלין)**

ב) ...עושים רעש מתערובות אנשים ונשים, ושלא יסעו רק בבאסעס שישנו מקומות מיוחדים לאנשים, ונשים לחוד, ואין איש שם על לב שהבודקים שצריכים להיות יראים ושלמים עובדים ביחד עם נשים נכריות, ממש זה ליד זה. ובזמן הקיץ הולכים בפריצות כזאת שממש אי אפשר גם לאיש פשוט לעבוד שם, ובפרט לבודק... בודאי שא"א בענין אחר, שהאבק והחום מכריחים את הנכריות לעבוד באופן זה, מ"מ צריכין לעשות איזה תיקונים בענין זה. לחשוב מחשבות... נחיצות הענין א"א להשיגו, רק מי שעובר שם...

**י. ב. ד.**

ג) ...מובא בדרכי תשובה הל' מליחה סי' ס"ט סעי' י' (אות קס"ה) עי' בקונטרס בעל הסמ"ע ז"ל שכ' שיש לזהר לכתחלה שישרו וימלחו הבשר ע"י ישראל דוקא ולא ע"י שפחותיהן העכו"ם עיי"ש והביאו הבית לחם יהודה ס"ק מ"ו...

...בכל שחיטה שביקרתי ראיתי שהעכו"ם מולחים את העופות... חוץ מתקנה הנ"ל הלא אינם נאמנים בדבר... אין להם השגחה עליהם כרבעי, אף שיש משגיחים על המליחה, אינו כלום...

בתקנות ועד הארצות מאת בעל הסמ״ע זצ״ל לא נכתב לכתחילה ולא נכתב טעם לתקנה זו, וז״ל הנשים יהי׳ נזהרים שישרו וימלחו הבשר בעצמן או משרתת ישראלית ולא שפחותיהן הגויות כלל, נדפס בסוף ספר כל בו (דפוס שולזינגער).

**י. ש. ר.**

ד) . . . פארוואס האט אויסגעפעלט צו מאכן א טומעל ? אויב עס טויג נישט פראבירט מען שטילערהייט צו פארעכטן ? . . . עס איז אינטערעסאנט צו זעהן דעם שדי חמד מערכת חמץ ומצה ווי ער רעדט ארום וועגן נייע סיסטעמען אין די עסן אינדוסטרי . . . דאס ווייזט ווי אזוי אמאליגע גאונים וצדיקים זי״ע האבן באטראכט דעם געפאר וועלכע איז נוגע אויך צו כשרות דא אין לאנד . . עי׳ סי׳ י׳ אות ג׳ ד״ה ולפי, ד״ה והנה בענין, און אויך סימן י״ג אות י״ב ד״ה ולפי הנראה . . . דאס זעלבע ממש ביי דעם ענין . . . אפילו מען מאכט תקנות טויג נאך אלץ נישט די עצם זאך, צוליב דעם שורש „**מאסען פראדוקציע**״ . . .

**הק׳ צבי ג־טליב (בני ברק)**

**המערכת**

לתועלת הרבים ברענגען מיר אראפ די מראי מקומות אביסל מער באריכות, און אויך ווילן מיר ציטירן פון דעם ספר ויוא׳ משה, מהגה״ק אדמו״ר מסאטמאר שליט״א מאמר שלוש שבועות אות קמ״ג וואו כ״ק מרן שליט״א איז מאריך וועגן דעם שדי חמד: **(זע עמוד לא)**

1) מערכת חמץ ומצה סימן י׳ אות ג׳ ד״ה ולפי. ונראה דלקבוע הלכה לדורות לעשות באופן שיש חשש איסור, אלא שנבא לעשות תיקונים להסיר החשש הנז״ל, אין לעשות כן, כי אחר שיתפשט ההיתר על ידי תיקונים, ההיתר יתפשט לגמרי ומעט מעט לא יזכרו ולא יפקדו אין גם אחד מן התיקונים הצריכים כלל וכו׳ יעו״ש עוד.

2) שם ד״ה והנה בענין זה כתב לי׳. הנה ידוע דמרגלא בפומא דרבנן קשישאי שהחדש אסור מן התורה „**בכל מקום**״ ולכן כל דבר הנעשה לדון בדבר החדש יש להתבונן בשבע עינים ובשבע חקירות לבל יהרס ח״ו מזה גדר התורה. עכל״ק.

3) סימן י״ג אות י״ב ד״ה ולפי הנראה (לענין מאשין מצות). וכבר כתבתי למעלה בסי׳ י׳ אות ג׳

דבענינים כוללים המסורים ביד כל אדם שההיתר בהם מפוקפק אם לא על ידי (תיקונים) התיקונים יתבטלו ויתפשט ההיתר לגמרי בלי שום תיקון, הנך רואה שבדברי הגאון שם ארי׳ לא הוזכר „שום תיקון״ רק כתב סתם שגדולי אשכנז עושים כן וכל השומע ורואה דברים האלו יבין בלבבו שעשיית המצות במאשין הותר מכללא „בלי שום תיקון״ כלל. עכל״ק.

ה) איך וויל מעורר זיין, דאס הגאונים מארי דארעא קדישא, דער ביד״צ דעדה החרדית שליט״א אין וועמענס שפיץ עס שטייט דער רב ואב״ד הגה״ק מאור עינינו אדמו״ר מסאטמאר שליט״א שרייבט אויך מיט פארביטערניש וועגן די מאסען פראדוקציע סיסטעמען. בייגעלייגט וועט איהר געפינען א קאפיע פון זייערע ווערטער אין מדריך הכשרות, תשל״ז.

**מרדכי פעדערמאן (קאנאדע)**

ו) ... חילול כבוד הרבנים איז נישט קיין איסור ? ... מען דארף נישט חושש זיין אויף שוחטים יראים ושלמים ... א סאך זענען געווען ביי די שחיטות לעצטענס, און זאגען אז אלעס איז אין בעסטען ארדענונג ...

**אשר געלבמאן (קווינס)**

ז) היתכן שהרה״ג המפורסם ... מדעברעצין שליט״א כתב במדריך מספר י״ד שאין לו אחריות אישית על מאמרי השחיטה ... למה לא כותבים מי הם המערכת ?

**אברהם פריעדמאן (אנגלי׳)**

ח) ... דורך דעם טומעל האבן א טייל אנגעפאנגען צו קויפען פלייש פון די ארי. יו. שחיטות ... וואס טויגן זיכער נישט.

**גדלי׳ שטרן (ספרינג וואלי)**

ט) ... צריכים לדבר קודם עם המכשירים. למה יגרעו מפאשקעס, מעדנים, ווילמארק, אוי. יו. ועוד, שלא כתבתם קודם שדברתם עם הרבנים המשגיחים ? ...

**חי"ל ר"ב (ברוקלין)**

**תשובות המערכת:**

... פארוואס האט אויסגעפעלט צו מאכען א טומעל ?

א) דער באריכט פון שחיטות איז געווען אויסדריקליך פון כלל'דיגען כאראקטער (זעה דבר המערכת און מדריך), ווי אויך געמאלדען אין אנפאנג פון באריכט, אז דאס איז נישט קיין דירעקטער דין וחשבון פון א געוויסע שחיטה. עס באריהרט **אלע** גלאטע שחיטות, כדי דער ציבור זאל האבן א באגריף וואס עס טוט זיך אין די פלייש אינדוסטריע, וואס צו פרעגן, אויף וואס מהדר צו זיין, אויף וואס צו קוקן, וואס צו פארמיידען, וכדומה. עס איז שוין די העכסטע צייט אז דער ציבור זאל האבן א שטיקעל ידיעה וואס, און ווי אזוי, עס גייט צו, אויך ביי די פלייש אינדסוטריע. אבער, דער בארכיט צילט נישט צו באריהרן קיין געוויסע פירמא, השגחה, אדער רב.

... חילול כבוד הרבנים איז נישט קיין איסור ?

ב) ווי דערמאנט האט דער „שימו לב" באריכט נישט אנגעגריפן אדער גרינגעשעצט געוויסע שחיטות און א וודאי נישט קיין רבנים שליט"א אדרבא מיר שטרעבן אז עס זאל דערהויבן ווערן דער כבוד הרבנים, דורך דעם וואס זיי ווערן באקאנט אין פעלד פון כשרות און פירן דאס אויס מיט ווירדע.

אויב עס טרעפט זיך רבנים וועלכע האבן געשפירט א פחיתת הכבוד ח"ו בכבוד הרבנות דורך אונזער ארטיקל בעטן מיר ברבים מחילה וסליחה מכבוד הרבנים הגאונים שליט"א, ומאתם הסליחה, הגם מיר האבן קיינעם נישט געמיינט, נאר דעם עצם הענין אליין.

... מען דארף נישט חושש זיין אויף שוחטים יראים ושלמים.

ג) ווי מיר האבן פריער געשריבען האט דער באריכט ארומגענומען **אלע** גלאט כשר'ע שחיטות, אויך די אויף וועלעכע מען קען נישט זאגען אז די

שוחטים זענען יראים ושלמים (יראי ד׳ מרבים) און דאך רופט זיך די שחיטה ,,גלאט״.

אבער, אויך ביי די היימישע שחיטות וואו די שוחטים ובודקים זענען טאקע יא יראי ד׳, ווערט דורך אונזער באריכט נישט באריירט זייער כבוד, ח״ו.

מיר ווילן מעתיק זיין דעם לשון פון שו״ת שואל ומשיב מהדורא א׳ חלק ב׳ סי׳ י״ד:

> ...כי כפי הנשמע השו״ב **יראים ושלמים** הם אתנו אך מבלי משים על לב נפרצו מעט להקל ולא עמדו על משמרתם חזק וכאשר ידעו כי יש משגיח עליהם תכבד העבודה עליהם וישובו לאומנתם בשלום.

דער גרויסער גאון זצ״ל רופט אהן די שוחטים יראים ושלמים. מיר פארשטייען וואס דאס מיינט אן עדות פון אזא גאון אז זיי זענען יראים ושלמים, דאך גיט ער צו אז אהן קיין פארשטארקונג פון השגחה קען געמאלט זיין ביי זיי א נאכגעלאזנקייט. איבערהויפט ביי די היינטיגע שחיטות, וואו דער שוחט, אפילו דער ערליכסטער, קען אויך נישט טוישען דעם סיסטעם פון מאסען פראדוקציע, ער קען נאר זיין פארזיכטיג פאר זיך, און טייל-ווייז אויך מתקן זיין תקנות (שינוי לטובה), אבער דעם גרונד פון פראבלעם קען ער נישט מתקן זיין, אפילו עס איז כנגד רצונו.

לייענט וואס דער ביד״צ אין ירושלים עיה״ק שרייבן וועגן מאסען פראדוקציע: זיי ווילן נישט האבן קיין שום שייכות דערצו (עי׳ להלן). זייער שחיטה און די תקנות דארפן דינען אלץ א מוסטער פאר די אמעריקאנער שחיטה.

~~~~~

...אסאך זענען געווען ביי די שחיטות לעצטענס, און זאגען אז אלעס איז אין בעסטען ארדענונג?

ד) עס איז פארשטענדליך אז פון געגענווארט איז קיינמאל נישט קיין באווייז אויף דעם פארגאנגענהייט, און אויך נישט אלץ אויף דעם צוקונפט.

עס דערפרייט אונזער הארץ צו הערן אז ביי די אדער יענע שחיטה איז שוין איינגעפירט געווארן א שטיקעל ארדענונג. נאך מער זענען מיר צופרידען אז ביי טייל שחיטות איז נישט געווען איינגעפירט ,,מאסען פראדוקציע״ און איז אלעמאל געווען אין בעסטען ארדענונג. אויף דעם שטרעבן מיר און דאס איז אונזער ציל.
~~~~~

**מיר זענען אבער איבערצייגט אז אונזער באריכט האט בייגעטראגן צו** מער **וואכזאמקייט**. ווי עס איז באקאנט, האט מען ליידער, בעוה״ר (נאך דעם ווי אונזער ארטיקל איז געשריבן געווארן) — געמוזט אראפנעמען די השגחה פון איינע פון די היימישע גלאט כשר׳ע (האלסעילערס) גרויס־הענדלערס, כאטשע עס איז נישט געווען ראס ערשטע מאל וואס עס איז דארט געפונען געווארן א מכשול (וואס דעם פראבלעם האבן מיר געמאלדן אין אונזער באריכט).

דעריבער, מוז עפענטליך ערקלערט ווערן אז עס איז נאך אלץ אין ארט אויסצוהערן פונקטליך די שחיטה פראבלעמען אזוי ווי אונזער מפקח שליט״א האט פערלאנגט פון גדולי הרבנים שליט״א, מונדליכע און דאקומענטירטע באוויזן זענען נאך אלץ נישט ארויסגעברענגט געווארן צוליב כבוד אלקים הסתר דבר. אונזער מפקח הרה״ג שליט״א האט באטאנט בהסכם הרבנים שליט״א (ווי אויך, איז באוואוסט אז ביי די אסיפת וועד הפועל פון התאחדות הרבנים וואס איז אפגעהאלטן געווארן בימי הספירה, איז פארגעשלאגן געווארן דורך הרה״ג משאמקיט שליט״א און געשטיצט געווארן דורך הרה״ג הצ׳ המפורסם אב״ד רק״ק פאפא שליט״א ועוד רבנים גאונים שליט״א) — אז יעצט (דורך רעם אויפברויז פון רעת הקהל) איז דער ריכטיגער שעת הכושר מתקן צו זיין די שחיטה אויף צוקונפטיגע דורות, אוועקשטעלן יסודות וועלכע וועלן פארשטארקן און באווארענען אז די פראבלעמען זאלען נישט פארקומען, דאס קען נאר געטאן ווערן דורך צוזאמען רערן זיך פנים אל פנים מיט די רבנים שליט״א.

. . . היתכן שהמפקח שליט״א כתב במדריך מספר י״ד שאין לו אחריות אישית על מאמרי השחיטה ?

ה) אונזער מפקח שליט״א שרייבט קלאר ארויס זיין טעם. ער האט זיך נישט באפאסט אין דעם ענין פון שחיטות צוליב די פיל צייט וועלכע פארלאנגט זיך רערצו, עס איז צייטליך ערקלערט געווארן פאר מען האט בכלל געשריבען וועגן דעם ענין.

. . . למה לא כותבים מי הם המערכת ?

ו) דער וועד הכשרות איז אוועקגעשטעלט מיט א פעסטן גרונד פון אומפארטייאישקייט. עס האט זיך ארויסגעוויזן במשך הזמן צו קענען האלטן ב״ה אין די זעלבע ליניע, לשם ולתפארת. אזוי ווי די רבנים שליט״א, און פערזענליכקייטן וועלכע נעמען א טייל אין מערכת זענען פארבונדן מיט

פארשידענע קהילות און מוסדות, איבער דעם, דורך פארעפנטליכן די נעמען וואלט דאס נישט ווילענדיג צוגעברענגט צו פארטייאישע געדאנקען ביי די ליינערס.

אויך זענען שטענדיג פארהאנען די וועלעכע ווילען פון יעדן באריכט מאכען א פאליטישען געראנגל, אבער נישט וויסענדיג. ווער עס האט געשריבען דעם געוויסן באריכט, ווייזט זיך אלץ אויס אז עס איז בלויז געשריבען געווארן לתועלת הענין און אלע מעגליכע נגיעות זענען באזייטיגט געווארן.

צווייטענס, ווי באקאנט ברענגט אזא מין ארבעט [פון אונטערזוכונגען, פאדערונגען, און ארויסקומען אָפען מיט דעם אמת] — נישט קיין כבוד, נאר דאס פארקערטע, די מיטארבייטער זענען געפאסט אויף פיזישע דרויאונגען, פארדאמונגען וכדומה. ליידער ענדיגט זיך נישט די פרשה דערמיט, מען נוצט אויך אויס, רבנישע, קהלישע דרוק אויף די מיטארבייטער, פון הויכע פענצטער, דרויט מען מיט גוטן, און פארקערט אויך, די סארט דרוק איז זייער שווער צוריקצווייזן.

משנים קדמוניות, האט יעדער רב סיי וועלעכער געקענט אויסדריקען זיין פערזענליכע מיינונג אויף דעם ערגסטן פאל האט ער מורא געהאט אז מען וועט עס נישט מקבל זיין אדער מעגליך זיך אויסלאכען דערפון, אויף דעם אופן האט יעדער געקענט עפענטליך, מיט זיין אייגענעם נאמען שרייבען זיינע פאדערונגען וכדומה.

אין די היינטיגע אומשטענדן מוז א טייל מאל ארויסגעזאגט ווערן דער דעת תורה בהסתר. וד״ל.

אויף די פראגע „מי הם המערכת״? שרייבט דער מפקח הגה״צ שליט״א הנחתי מלאכה זו לאלה המומחים בדבר ועוסקים בזה תמיד . . . שהם בעלי אחריות גדולים לעצמם ונאמנים ובר סמכים בכל מעשיהם ודבריהם. ובאמת ממש דנו ודייקו על כל אות ואות שנכתב כדי שיצא דבר מתוקן ומדויק מתחת ידם . . . אָפט מאהל האט דער מפקח שליט״א געשריבען און גע׳דרש׳נט ברבים, אז ער איז מעיד שכל כוונתם לשם שמים, ודי בזה.

. . . א טייל האבען אנגעפאנגען צו קויפען פלייש פון די אוי. יו.

ז) דאס איז די איינציגע ווייטאגליכער פונקט פון אלע פראגען. מיר קענען נישט גלויבען אז נאך אונזערע באריכטען אין די לעצטע פינעף מדריכים ובפרט וועגען שחיטות (נומ. 14) אונטער די אוי. יו. זאל זיך טרעפען גאר

אזעלכע וועלכע זאלען אנפאנגען צו עסען די שחיטה. אויב עס איז ריכטיג, מוז דאס נאר זיין יחידים וועלכע זענען פאר דעם אויך נישט נזהר געווען פון אוי. יו. פראדוקטען.

אדרבא, ווי עס ווערט איבערגעגעבן האבען זייער פיל אויפגעהערט צו עסען אינגאנצען פון מאסען פראדוקציע שלאכט־הייזער. א טייל שחט'ן פאר זייער געברויך ביי ספעציעלע פלעצער און מאכען זיך אליין כשר.

. . . צריכים לדבר קודם עם המכשירים, למה יגרעו . . .

ח) ווי געמאלדען פריער, האט אונזער גאנג, צו ערקלערן די אלגעמיינע פראבלעמען פאר דעם ציבור (זעה דבר המערכת אין מדריך) — קיין שום שייכות צו פעסטשטעלונג פון א געוויסע באשטימטע פירמא אדער שלאכט־הויז. ווען מען באשרייבט א געוויסע פראבלעם מיט א נאמען פון א פירמא אדער השגחה, איז דאס נאר, נאך דעם ווי מען האט שוין פראבירט מתקן צו זיין שטילערהייט און עס האט נישט געהאלפן. אונזער שחיטה באריכטען זענען געווען פון אלגעמיינעם כאראקטער ווי געמאלדען. עס איז נישט קיין סתירה פון מודיע זיין דעם ציבור נוצליכע ידיעות, און פארהאנדלען מיט יעדען געוויסען מכשיר באזונדער.

באמת, איז די שחיטה פראבלעם א פראגע וועלכער אפילו מען זאל רעדען מיט אלע פארשידענע השגחות, משגיחים, שוחטים ובודקים, ארגאניזאציעס [ווי דער וועד הכשרות האט שוין געטאהן במשך די לעצטע פאר יאהרן] — וועט נאך אלץ נישט מתוקן ווערן כהוגן.

דער רב המכשיר קען מתקן זיין שינוים וועלכע וועלן זיין לטובה, אבער ער איז נישט בכח צו ענדערן דעם גאנצען מהלך און סיסטעם פון שחיטה.

די הויפט סיבה וועלכע איז מסבב אלע פראבלעמען איז די שחיטה געשטאלט פון מאסען פראדוקציע. דער מכשיר קען נישט איינטיילן פאר דעם בעה"ב אז מען זאל שחט'ן מיט צווייי הונדערט עופות ווינציגער א שעה. ער קען נאר מתקן זיין דעם מצב כמו שהוא אז עס זאל זיין כשר, אבער דאס איז נאך אלץ ווייט פון די נקודה של תכלית הכשרות, צד היותר טוב, למהדרין, לית טב מיני', וכדומה (לשונות וועלכע ווערן באנוצט דורך פלייש פראפאגאנדע).

די איינציגע תקנה, ווי געמאלדען אין מדריך נומ. 16 איז אז די קהילות זאלן אויפשטעלן אן אייגענעם שחיטה הויז אויף א קליינעם געשטעל מיט

הידורים ותקנות, אויף דעם זעלבען אופן ווי יעדער איז געווען געוואוינט אין די שטעטלעך אין פרידען צייטן.

מיר האפען אז די דאזיגע ערקלערונג וועט ברענגען פארשטענדעניש צווישען אונזערע לייענער, און זיין א באגגועגדער ענטפער אויף די פילע הונדערטער בריוון וועלכע מיר האבן ערהאלטען. והי׳ בזה שלום על ישראל אמן.

## טהון פארן כלל — צאהלט זיך אויס!

אין היינזיכט פון כלל טועריי איז זייער כאראקטעריסטיש פאלגענדעס ווארט פון הגאון רבי **שמעון סופר** זצ״ל פון **קראקע** וואס האט אמאל געזאגט צו א כלל טוער, וואס האט זיך געפיהלט געפאלן, בשעת ער האט ביי א געוויסען ענין גארנישט געקענט אויפטהון מיט זיין שתדלנות. דער עסקן איז דאן אוועקגעגאנגען פסח בייגאכט אין מיטן דעם סדר זיך משתדל זיין פאר א געוויסען דרינגענדען ענין און ווען זיין ארבעט איז נישט געווען אנגעלעגט, האט ער געהאט עגמת נפש פארוואס ער האט אומזיסט זיך צושטערט דעם סדר.

האט איהם ר׳ שמעון געוויזן דעם מאמר חז״ל (אין ״ירושלמי״), וואס דערצעהלט ״מעשה בר׳ אבוהו שהי׳ מסתלק מן העולם וראה כל הטוב שמתוקן לו לעולם הבא, התחיל שמח ואומר: כל אליו לאבוהו — ואני אמרתי: לריק יגעתי״...

— ר׳ אבוהו — האט ר׳ שמעון געגעבן יענעם יונגערמאן צו פארשטעהן — איז ווי מיר געפינען פיהל מאל אין ש״ס — געווען א גרויסער כלל טהוער, געגאנגען שטענדיג צום מלכות, זיך משתדל געווען פאר אידן און ווי דער שטייגער האט געוויס פיהל מאל געטראפן, אז ער האט ביי אלע זיינע יגיעות גארנישט געקענט אויפטהון. איז ר׳ אבוהו צוליב דעם געווען געפאלן ביי זיך און ער האט גארנישט געגלויבט, אז עס איז פאר איהם עפעס צוגעגרייט לעולם הבא, דערפאר האט ער זיך אזוי דערפרעהט ביי דער פטירה ווען ער האט געזעהן די אלע גוטס וואס איז צוגעגרייט פאר איהם און ער האט געזאגט: דאס אלעס איז פאר אבוהו׳ן און איך האב גאר געמיינט אז אומזיסט איז מיין יגיעה...

קמג

**וכשהתחילה** הסערורי' בעולם בדבר המאשין מצות והי' פלוגתא בין החכמים מערכה מול מערכה, זה אוסר וזה מתיר והאו"א כתב טעמו ונימוקו בכל פרטי העשיות של המאשין, אמנם מרן הקדוש בדברי חיים ח"א או"ח סי' כ"ג וכ"ד החליט לאסור מחמת טעמים כמוסים וכתב שמקובל מפי מו"ח ז"ל שבכה"ג אין לגלות הטעם אלא להחליט הדין, וכתב בהחלט שהוא חמץ גמור. ורבים תמהים מדוע לא גלה טעם ההלכה, והיו גדולים שחתרו להבין טעמו ונימוקו בסברות שונות. ולפענ"ד דברי תורה עניים במקום אחד ועשירים במקום אחר כי בח"ב במאשין ציצית באו"ח סי' א' וב' כתב שא"א להתיר מאשין בשו"א כי אופני המאשין משתנים בכל יום, ואם יצא המאשין בהיתר יעשו גם מאשינען אחרים כמתכונתם באופן שבוודאי אסור, ומי יאמר להם דבר, כמו שאמרו בגמ' חגיגה אם יאמר לו חבר שלך טמא יאמר אדרבא שלי טהור ושלך טמא ע"כ חלילה להתיר מאשין במצוה דאורייתא יעיי"ש האריך, ומובן שטעם זה הוא גם במאשין מצות.

**וביוצא** בזה כתב בשד"ח מערכת חמץ ומצה בסי' י' אות ב' כי ההיתרים הבאים ע"י תיקונים אחר שיתפשט ההיתר לא נשאר אלא ההיתר והתיקונים נשכחים ולא יזכרו ולא יפקדו. והביא שם מעשיות שהי' מכשולות גדולות על ידי שהתחיל בהיתר וסיים לבסוף וז"ל ואילו דורות הראשונים המה ראו את אשר נתהו' ונמשך מההיתר היו מכריזים ואומרים דברים שאמרנו לפניכם טעות הם בידינו ולא נמלא א' מעיר שיטה אזן לדבריהם האחרונים, עכ"ל יעיי"ש. והנה כי כן אנו רואים בהמאשין מצות שעכשיו המאשינען המה חדשים לגמרי באופן אחר ממה שהי' אז כאשר אנו רואים בתשובותיהם שציירו את המאשין שהי' לפניהם, ואעפי"כ הכל תולין בהמאשינען על סמך ההיתר שנתנו אז, אף שלא ראו ולא שמעו כלל אופני המאשין של עכשיו, ובעתים הללו נעשו מאשינען שונים ומשונים, ויש מאשינען כאלו שהכל רואים שהוא חמץ ואעפי"כ תולין ההיתר במה שאמרו הגדולים אז כאילו הי' ההיתר שכל מה שיהי' לו שם מאשין יהי' מותר בכל אופן ואופן, וזה ודאי טעות והבל גמור, כי לא נתנו הכשר אלא על מה שראו בעיניהם, אך דרך העולם לילך בדמיונות שוא והבל כאלה ולא עלה זאת על דעת הגדולים ז"ל. וכמו כן הוא ענין האגודה כי הגדולים שהיו עם האגודה הי' כפי ראות עיניהם אז, אבל לא נתנו הכשר על שם אגודה שאף אם יעשו מעשים אשר לא יעשו מ"מ שמא גרם, זה ודאי טעות והבל שאין לטפל בזה.

**ובקובץ** מכתבים מהגאון החזון אי"ש זלה"ה בחלק שני נדפס לבסוף איזה מכתבים מהגאון הרח"ע מווילנא זלה"ה ושם במכתב ג' שכתב התנגדות גדולה לאותן שעלה בדעתם לייסד אגודת רבנים עולמית באומרם אשר בכח מאוחד יוכלו לעמוד בפרץ, והאריך לדחות זה מכמה טעמים, וכתב באמצע המכתב וז"ל: והעיקר כאשר למדתי מפי הנסיון במדינתנו המרובה באוכלוסי ישראל ורבנים גדולים ויראים, שכל הפעולות באגודת הרבנים נעשות על ידי איזה מזכיר ופקיד, ואינם מתחשבים כלל עם ראשי המועצות, וכמה פעמים עושים גם בניגוד לדעתם והשפעתם ועושים רק מה שלבם חפץ, ואין רצוני להאריך בפרטי הדברים. ואיך נוכל לתת אמון ליצור מוסד עולמי אם בהמשך הזמן יתנהל בוודאי על ידי מזכירים ופקידים, ואיך נוכל למסור בידם עניים כללים של התורה והאומה. וזה לדעתי לעד מסוכן וסכנה גדולה ואין לנו לקבל אחריות והתוצאות ממוסד כזה, עכ"ל, הנה העיד הגאון ז"ל שאף באגודת הרבנים שבמדינתו לבדה, לא איגוד עולמי כלל, והי' אז בימיו בהאגודת רבנים שבמדינתו גאונים וצדיקים גדולים, ואעפי"כ המעשים הנעשים גם מאותה האגודה אינן בהתחשבות עם הרבנים הגדולים יראי ה', וכמה פעמים הוא בניגוד לדעתם והשפעתם, אף שהמה בחיים עודנה ואפשר לשואלם על ככה, ומכש"כ בגדולים וצדיקים שהמה כבר בעולם העליון ומי יעלה לנו השמימה לשאול את פיהם, המה הלכו למנוחות ואותנו עזבו לאנחות. והאיגוד העולמי זה תולין בהם בוקי סרוקי, אוי לנו שכך עלתה בימינו.

RABBI M. STERN
CHIEF RABBI OF CONG. K'HAL YESODE HATORAH
1514-49TH STREET
BROOKLYN, N. Y. 11219
HY 4-6916
851-5193

משה שטערן
אב"ד דעברעצין ונייהייזל יצ"ו
בעהמ"ח שו"ת באר משה ב"ח
בלאאמו"ר הרא"ש, בעמ"ח ספרי גפי אש ומליצי אש וש"ס
ברוקלין יע"א

בעז"ה

## מכתב גלוי

בשער בת רבים אני מכריז ומודיע שאין לי,אישית,שום שייכות שבעולם,עם השגחה של איזה פראדוקט הנזכר במדריך לכשרות, כיון אם נרשם עליו או.קעי.או שום הכשר פרטי או ציבורי. רק בעלי ההשגחה מקבלים כל האחריות במלוא מילין המובן.

אולם,באמת,כל מה שנכתב בפעסטשטעלונג עבר בקורתי,אבל,אין לי שום אחריות אישית עליהם.

ומוסיף אני ג"כ להדגיש אודות מאמרי השחיטה שנדפסים במדריך לכשרות.לפרקים האלו נדרש עמל ויגיעה רבה,מוכרחים להכיר על בוריו,בטוב דעת,מהלך ואופני השחיטה.וביותר צריך לחפש, לרבל,ולחקור באמיתות העבדות.צריך לדון ולדייק בכל אות ואות,שאל יכשלו בלשונם.

והיות שלמחקר זו הי'צריכים להקדיש זמן רב,ממש ימים שלמים לא יכולתי להשתתף בענין זו,לפי שעתי וזמני אינם מרשים לי עסק כזו.וצר לי מאוד שלא הי'לי פנאי להתעסק בדבר נחוץ כזו. לכן הנני מודיע שלא עסקתי במערכת השחיטה,והנחתי מלאכה זו לאלה המומחים בדבר ועוסקים בענין זה תמיד.כל מה שכתוב האיך הי' אופן השחיטה בדור שלפנינו והאיך נשתנה הדבר, וכדומה,אין לי אחריות אישית עליהן.

האחריות מונחת רק על שכמי שארי בעלי הוראוה,חברי הוועד, המערכת,שהם בעלי אחריות גדולים לעצמם,ונאמנים וכר סמכים בכל מעשיהם ודבריהם.ובאמת,ממש דנו ודייקו על כל אות ואות שנכתב בדי שיצא דבר מתוקן ומדויק מתחת ידם.

ואמינא לפעלא טבא יישר כוחם וחילם,ושכדם יהי'כפול מן השמים.

וע"ז בעה"ח עש"ק ויחרדו איש אל אחיו שנת תשל"ז לפ"ק פה ברוקלין יצ"ו

משה"ק שטערן
( -מקום החתימה- )

המערכת

אונזער מפקח שליט"א שרייבט קלאר ארויס זיין טעם. ער האט זיך נישט באפאסט אין דעם ענין פון שחיטות צוליב די פיל צייט וועלכע פארלאנגט זיך דערצו. עס איז צייטליך ערקלערט געווארן פאר מען האט בכלל געשריבען וועגן דעם ענין.

The Vaad is your organization working in your interest and the interest of all Shomrei Torah.

The work of the Vaad Hakashrus, whose aim is to strengthen and improve Kashrus is B'H well known. We have B'H accomplished much, the public is better informed, many producers are under tighter control, etc. But, there is an enormous amount of work to be done.

Our expenses are many and rising, but our income is limited. In accordance with our policy we do not accept any remuneration from any firm or individual in the food business. Our only income is from membership and advertising. This does not cover the costs of publishing the Madrich, i.e. printing, binding, postage, supplies, travel expense amounting to tens of thousands of dollars.

Please

use this opportunity to help finance the work of your/our organization the Vaad Hakashrus.

## Statement Issued By The Agudath Harabanim On Kosher Caterers

**It has come to our attention that certain Kosher Catering Establishments violate the Laws of the Sabbath (Chilul Shabat) in various forms. The Agudath Harabanim therefore declares that a Catering Establishment which is in violation of the Laws of the Sabbath, is not reliable from the Kosher standpoint and has no kosher standing, regardless of any Rabbinical Supervision.**

**Rabbi Moshe Feinstein**
**President**
**Agudath Harabanim**
**Union Of Orthodox Rabbis**
**of U.S.A. & Canada**

This is to inform the public that **BUCKY'S BUTTERFLY CRISPS** produced by **CREATIVE FOODS CORPORATION**, Benton Harbor, Michigan, are

**NOT (U)**

endorsed and

**NOT**

under the supervision of the UOJCA Kashruth Division.

## Mezuzos & Tefilin Bill Passed

**Assemblyman Leonard Silverman (D-Brooklyn) today announced the passage of his bill in the Assembly which would require that all mezuzos and tefilin sold must conform to orthodox Hebrew religious requirements. This bill would put an end to the consumer fraud which thousands of New York Jews suffer because of the sale of such religious items which do not conform with Jewish religious law.**

**A great problem exists involving the large-scale sale of non-kosher mezuzos to the unwary Jewish purchaser who believes that he is receiving an object with which he is fulfilling a basic Jewish religious duty. After studying this matter, it was found that approximately 70% of all mezuzos sold are not kosher. This means that they are printed by ordinary letter-presses on ordinary paper. According to Jewish law, a mezuzah must be handwritten by a scribe according to precise specifications on a piece of parchment. Those not conforming to the precise specifications are automatically nullified and from the religious viewpoint have absolutely no significance. An individual who sincerely believes that he is fulfilling a religious commandment is merely affixing to his doorpost a meaningless trinket. Unfortunately, there have been numerous cases of deception suffered by Jews who purchase these mezuzos and tefilin from dishonest merchants and have received no protection against this injustice.**

**Assemblyman Silverman stated that this legislation is of supreme importance to the consumer's rights and to the protection of the Jews in New York State to aid in fulfilling the tenets of the Jewish faith. The bill is sponsored in the Senate by Senator Albert B. Lewis.**

**The passage of this bill constitutes Assemblyman Silverman's last legislative act before assuming a new office. This past week, Governor Carey swore Assemblyman Silverman in as a new Judge of the New York State Court of Claims, thereby ending Mr. Silverman's career in the State Legislature.**

# Subscription

Enclosed please find $ ............................

I would like to subscribe to the VAAD HAKASHRUS

O 1 Year  O 2 Years  O 3 Years  O Air Mail

Name ____________________________________________

Address __________________________________________

City ______________________ State ____________ Zip ____________

Subscription Rates (PAID IN ADVANCE)

IN U.S.A.

| | |
|---|---|
| 1 Year. . . . . . . . . . . . | $ 6.00 |
| Air Mail 1 Year. . . . . . . . | $ 10.00 |
| 2 Years. . . . . . . . . . . . | $ 11.00 |
| 3 Years. . . . . . . . . . . . | $ 16.00 |

IN CANADA, EUROPE ETC.

| | |
|---|---|
| 1 Year. . . . . . . . . . . . | $ 8.00 |
| Air Mail 1 Year. . . . . . . . | $ 12.00 |
| 2 Years . . . . . . . . . . . | $ 15.00 |
| 3 Years . . . . . . . . . . . | $ 22.00 |

For Further information please feel free to write or call the:


VAAD HAKASHRUS

4810 16 Ave.

Tel. 435-2503

# MADRICH LAKASHRUS

## 5737

June-July, 1977 Vol. 4, No. 20

ווער הכשרות

KOSHER כשר

VAAD HAKASHRUS

A Public Service Organization
Dedicated to Strenghtening of Kashrus
Through Research and Developement

Non-Profit Org.
U. S. POSTAGE
Paid
Brooklyn, N. Y.
Permit No. 11517